בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תצא תשע"ז | פרק ב' | גליון 424 [שנה ט']

**אויביך לשון רבים און נתנו לשון יחיד?**

כִּי־תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ: (כא י) צו פארענטפערן די קשיא אֹיְבֶיךָ א לשון רבים, דיינע פיינט, און נאכדעם שטייט וּנְתָנוֹ א לשון יחיד? עפ"י פשטות ווייל בשעת מען גייט א מלחמה איז דאס אנקעגן א פאלק דאס איז אֹיְבֶיךָ א לשון רבים, אבער ווען געווינט מען די מלחמה? ווען מען נעמט איין דעם קעניג וואס איז א יחיד, דאס מיינט וּנְתָנוֹ. (תנופה לחיים ר' חיים פאלאג'י)

**עצה צו מנצח זיין מלחמת היצר**

כִּי־תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבֶיךָ: (כא י) שטייט אין אלע ספרים אז מען רעדט פון דעם מלחמת היצר, און די עצה אים צו מנצח זיין איז: כ"י איז דער ר"ת כלל ישראל, איז מרומז מען זאל זיין באחדות. תצ"א איז דער ר"ת ת= תורה תשובה און תפילה, צ=צדקה, א=אחדות, דורך די דריי זאכן, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ, איז דער אויבערשטער מבטיח, בְּיָדֶךָ, ער וועט איבערגעבן דעם יצה"ר אין דיינע הענט. (הר' מיכאל נימני זצ"ל)

**דורך צדקה ווערט נתקבל אונזערע תפילות**

וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ: (כא י) פארוואס דארף שטיין די ווארט בְּיָדֶךָ, עס וואלט געקענט נאר שטיין וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ? נאר עס שטייט אז אין זכות פון די צדקה וואס א מענטש גיט, הערט זיך צו דער אויבערשטער צו דיינע תפילות, אזוי ווי עס שטייט (דברים יג יח) וְנָתַן־לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ, און חז"ל (שבת דף קנא:) דרשנען פון דעם פסוק כל המרחם על הבריות, דער וואס האט רחמנות אויף באשעפענישן, מרחמין עליו מן השמים, האט דער אויבערשטער רחמנות אויף אים, ממילא אז מען גיט צדקה וועט דער אויבערשטער מרחם זיין און הערן דיינע תפילות. און יַד איז אויך מרומז אויף צדקה, אזוי ווי עס שטייט פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ (דברים טו ח) , וואס יָדְךָ מיינט געבן צדקה פאר דעם ארימאן, דאס מיינט וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ, דער אויבערשטער וועט דיר העלפן מנצח זיין די מלחמה, מיינט מען די שלעכטע גזירות חלילה, וועגן בְּיָדֶךָ, דיין צדקה, מיט דעם קען מען אויך מסביר זיין א פסוק אין תהלים (קמ"ט ו) וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת "בְּיָדָם": וואס איז אויך שווער פארוואס דארף שטיין בְּיָדָם? נאר פשט איז אז מען וויל אז וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת מען זאל געהאלפן ווערן מיטן געבעט פון דיין מויל, [ווייל בְּחַרְבִּי, -חַרְבּוֹ זו תפילה (שבת קכג.)- מיינט דאס מיטן דאווענען, המו"ל] דאס מיינט דיין תפילה וועט אנגענומען ווערן, נאר דורך "בְּיָדָם", די צדקה פון דיינע הענט. (תורת יפה פריעד בעסערמין)

**שכר פון שמירת שבת גיט דער אויבערשטער, און אויך אויף דעם וועלט**

בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ: (כד טו) די ר"ת איז שבת: [די רמז שטייט שוין אין סידור הרמ"ז המו"ל] כדי דאס צו פארשטיין: די תורה איז מעורר א מענטש מען זאל היטן דעם שבת, און חלילה נישט טראכטן אז שבת איז א גוטע טאג צו פארדינען אסאך געלט, זאגט דער אויבערשטער בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ ר"ת שבת, אויב וועסט רוהען אין שבת וועל איך דיר גוט באצאלן און משלים זיין וואס דו האסט געטראכט. (תפארת אבות ר' בנימין ב"ר יוסף פרידמאן ממישקאלץ נספה בשואה הי"ד) נאך א אויפן קען מען מסביר זיין: עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פס"ו ה) צדיקים תחלתן יסורין וסופן שלוה, וואס איז משמע אז די שלוה– רוהיגקייט– איז שכר און עס וועט זיין אויף דער וועלט, און עס איז שווער אז די גמ' (קידושין לט ב) זאגט, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא? דעריבער איז די תורה מרמז שַׁבָּת ביי בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ, וואס צדיקים זענען דאך מוסיף פון חול צו קודש און פון קודש לחול ביי מוצאי שבת און וועגן דעם וועט מען באקומען שכר אויך אויף די וועלט. (בֶּן לְאָשְׁרִי – ר' יצחק הוברמאן זצ"ל המקובל מרעננה תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**דרוש- פון וואו ווייסט מען אז לא תחסום איז ביי אלע בהמות חיות ועופות**

לֹא־תַחְסֹם שׁוֹר בְּדִישׁוֹ: (כה ד) די ר"ת תַחְסֹם שׁוֹר בְּדִישׁוֹ איז שַׁבָּת, וואלט מען געקענט מחדש זיין אז די גמ' (ב"מ צ"ד) זאגט: הגם די לאו פון לֹא תַחְסֹם שטייט נאר שׁוֹר, אבער אויך אלע בהמות חיות ועוף איז ביי די לאו פון לֹא תַחְסֹם , יעצט פון וואו ווייסט מען אז שור איז לאו דוקא? נאר מען טרעפט אין די גמ' (ב"ק דף נד ע"ב) שטייט אין פרשת משפטים (כ"ג י"ב) שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת לְמַעַן יָנוּחַ שׁוֹרְךָ וַחֲמֹרֶךָ: און הגם דא שטייט נאר אז דיין שור און חֲמוֹר דארפן רוהען אין שבת, פונדעסטוועגן לערנט די גמ' אז ביי חיה ועוף איז אויך דער דין פון רוהען אין שבת. ממילא איז פלא'דיג דער רמז תַחְסֹם שׁוֹר בְּדִישׁוֹ ר"ת שַׁבָּת, אזוי ווי ביי לְמַעַן יָנוּחַ ביי שבת שטייט שׁוֹרְךָ וַחֲמֹרֶךָ און אלע זענען אין כלל, דאס זעלבע איז ביי לֹא־תַחְסֹם וואס איז מרומז שַׁבָּת אין די ווערטער, אז אפילו עס שטייט נאר שׁוֹר איז אויך דא די איסור פון לֹא־תַחְסֹם ביי אלע בהמות חיות ועופות. (תפארת אבות ר' בנימין ב"ר יוסף פרידמאן ממישקאלץ נספה בשואה הי"ד)

**א פליאה עצומה אויפן הייליגן חת"ם סופר ומצוה ליישבו**

לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט גֵּר יָתוֹם: (כ"ד י"ז) שטייט אין בעל הטורים גֵּר יָתוֹם: וז"ל, ולא אמר גֵּר וְיָתוֹם, ווייל עס שטייט גֵּר יָתוֹם און נישט גֵּר וְיָתוֹם, מיינט דאס צו זאגן אז א גר איז אזוי ווי א יתום. לומר לך גר שנתגייר כְּקָטָן שנולד דמי: מען לערנט פון דעם פסוק אז א גר וואס האט זיך מגייר געווען איז אזוי ווי אַ קָטָן שנולד. אין ספר מֶשֶׁךְ חָכְמָה אויפן פסוק שׁוּבוּ לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם: (דברים י כ"ז) ברענגט ער די הייליגע ווערטער פון חתם סופר אין חידושים (מס' עבודה זרה דף סג ע"ב) וז"ל כי נתקשה כל ימיו מהיכן הוציאו רז"ל דגר שנתגייר כקטן שנולד דמי, דער חת"ם סופר זאגט עס איז אים שווער פון וואו האבן חז"ל געלערנט אז גר איז ווי א קטן עיי"ש און צוליב דעם חתם סופר זוכט דער מֶשֶׁךְ חָכְמָה צו געפינען דעם מקור פון דעם כלל, און דאס איז לכאורה א פלא אז זיי ביידע ברענגען נישט דער אפענעם בעל הטורים וואס ברענגט אז דער מקור איז פון דעם פסוק וצ"ע. (המו"ל)

**מדור העובדות**

*דער שפאלער זיידע הרה"ק ר' ארי' ליב זצוק"ל ברענגט צוריק א מאן נאך 15 יאר זיין פארלוירען*

לעבן די שטאט שפאלע האט געוואוינט א פרוי וואס איר מאן איז אוועק געפארן אויף מסחר קיין דאנציג און זי איז נעבאך געבליבן א עגונה-[א פרוי וואס מען ווייסט נישט צו איר מאן לעבט צו נישט און זי טאר נישט חתונה האבן]. וויפיל זי האט זיך נאכגעפרעגט האט קיינער נישט געוואוסט צוזאגן וועגן איר מאן. זיי האבן

געהאט א געשעפט וואס האט זייער מצליח געווען און די עגונה האט דאס געפירט און זי איז געווארן זייער רייך. עס איז אריבער 15 יאר און זי האט גענומען א אידישע משרתת א חשובע עלטערע פרוי איר צו העלפן. די משרתת האט איר איין טאג געפרעגט וואו איז איר מאן? און ווען זי האט געענטפערט אז זי ווייסט נישט וואס איז געשען מיט איר מאן, זאגט צו איר די משרתת אז נישט ווייט פון דא וואוינט א גרויסער צדיק וואס מען רופט אים דער שפאלער זיידע און ער וועט איר זיכער העלפן! זאגט די עגונה וואס קען דער רבי מיר העלפן? אפילו ער וועט זאגן אויף זיכער אז מיין מאן לעבט נישט וועט זי נישט מעגן חתונה האבן, ווייל זי האט נישט קיין עדות און די עדות פון רבין וועט נישט זיין א היתר ביים בית דין. און אפילו ער וועט זאגן אז ער לעבט וואס וועט דאס העלפן צוריק ברענגען איר מאן? ענטפערט די משרתת: אויב דיין מאן לעבט וועט ער שוין צוריק ברענגען דיין מאן צו דיר! און זי האט מסכים געווען צו גיין.

זאגט איר די משרתת אז די בעסטע צייט צו באקומען א ברכה פון רבין איז פרייטיג אינדערפרי ווען ער גרייט אן די פיש. עס איז שווער אריינצוגיין דעמאלטס, אבער מיט געלט וועסטו קענען באקומען רשות פון זיין משמש, אבער דער רבי וועט דיר שטארק אנשרייען און וועלן ארויס ווארפן אבער זאלסט נישט זיין געפאלן און אלעם הערן וואס דער רבי שרייט אויף דיר און נאכדעם בעט אים א ברכה אז ער זאל דיר זאגן וואס איז מיט דיין מאן.

די עגונה איז געפארן קיין שפאלע און זי איז געגאנגען צום הויז פון משמש און געזאגט אז זי וויל איינשטיין ביי אים און זי וועט אים שיין באצאלן פאר דעם, און ער האט איר געגעבן א צימער. ווען עס איז געקומען ערב שבת האט די עגונה געגעבן א שיינע מטבע פארן משמש ער זאל איר אריינלאזן ווען דער רבי גרייט אן די פיש. ער האט איר אריין געלאזט און זי האט אנגעפאנגען צו וויינען פארן רבין ער זאל איר העלפן. דער רבי הויבט אן צו שרייען זי זאל ארויס גיין און רעגט זיך, אבער זי לאזט זיך נישט און בעט ווייטער. דער רבי האט כדרכו בקודש איר שוין געוואונטשן און געזאגט אז דיין מאן לעבט און אין דריי חדשים וועט דיין מאן צוריקקומען צו דיר. זי האט געמיינט אז דער רבי שטופט איר סתם אפ און זי וויינט ווייטער. דער רבי האט באקומען א רחמנות אויף איר און זאגט איר "איך זאג דיר צו אז אין דריי חדשים מיטוואך נאך האלבע נאכט וועט דיין מאן אנקומען ביי דיר אין שטוב. און יענע נאכט זאלסטו מאכן דיין שטוב זייער ליכטיג פון אינעווייניג און אינדרויסן" און האט באפוילן פאר די גבאים איר ארויס צו שיקן בכח. זי האט נישט געהאט קיין ברירה און זי איז ארויס געגאנגען.

זי האט נישט געגלויבט וואס דער רבי האט איר צוגעזאגט. ווען זי איז אהיים געקומען האט די משרתת איר געפרעגט וואס איז געווען ביים רבין? און זי האט אלעם דערציילט! רופט זיך אן די משרתת מיט פרייד דו ביסט שוין א געהאלפענער!! דער רבי וועט שוין זען אז דיין מאן וועט יענע נאכט אהיים קומען. די משרתת האט שוין געווארט אויף יענע נאכט און זי האט דערמאנט איר בעלת הבית די עגונה אז היינט ביינאכט דארף מען מאכן די שטוב ליכטיג פון אלע זייטן און דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן אז דיין מאן וועט קומען. די משרתת האט געהאט א געוואלדיגע אמונה אין צדיק און האט אנגעגרייט א שיינע סעודה לכבוד דעם מאן'ס קומען, אבער די עגונה האט נישט געגלויבט מיט א אמתע אמונה און זי איז געגאנגען שלאפן.

יענע נאכט איז געווען שטארקע רעגן-שטורעם'ס מיט בליצן און דונערן און אזוי נאך האלבע נאכט שטעלט זיך אפ א רייכע וואגן געשפאנט פון 6 פערד און דער בעל עגלה קומט ארויס פון וואגן און קלאפט אויפן טיר און פרעגט די משרתת ווער וואוינט דא? און זי האט געענטפערט א פרוי וואס הייסט אזוי. דער בעל עגלה איז ארויסגעגאנגען צום וואגן און פון וואגן קומט ארויס א בכבודיגער סוחר און קלאפט אויפן טיר. און ווען די משרתת עפנט די טיר און דער סוחר קוקט אריין אין שטוב זאגט ער צו די משרתת "ב"ה דער אויבערשטער האט געפירט אין די ריכטיגע וועג ווייל דאס איז טאקע די הויז." און ער פרעגט וואו איז מיין פרוי און זיי האט געענטפערט אז זי שלאפט, האט ער געבעטן די משרתת זאל אויפוועקן זיין פרוי. און אין א פאר מינוט ארום איז די פרוי געקומען. זי זעהט די הייליגע רייד פון רבין איז מקויים געווארן און די שמחה פוןביידן זענען געווען גאר גרויס. די משרתת האט געזאגט אז זי האט אנגעגרייט א שיינע סעודה פאר זיי און בעט זיי זאלן זיך וואשן לכבוד די סעודה, און זיי האבן זיך געזעצט צו די סעודה. ביים סעודה האט זיך דער מאן אנטשולדיגט פארוואס ער האט זיך אזוי לאנג פארזאמט און דערציילט "ווען ער איז געפארן קיין דאנציג האט ער געמאכט גרויסע געשעפטן און ער איז געווען אזוי פארנומען מיט דעם, און עס האט זיך פארשלעפט די צייט און אזוי איז אריבער א יאר און נאך יאר און דערווייל האט זיך די געשעפטן געזאמלט אסאך חובות וואס מענטשן זענען געבליבן שולדיג און ער איז געווען כסדר פארנומען איינמאנען זיינע חובות און האט פארגעסן בכלל אז ער האט א שטוב.

פאר דריי חדשים צוריק קומט צו אים א אלטער איד און זאגט מיר ענדיג שוין דיינע געשעפטן דא און פאר אהיים ווייל דיין ווייבווארט שוין אויף דיר 15 יאר. איך האב זיך נישט וויסנדיג געמאכט אבער אזוי איז דער איד געקומען צו מיר יעדן טאג און דער לעצטער מאל האט ער מיר געזאגט טאמער איך גיי נישט, שפיל איך מיט מיין לעבן. איך האב נאך אלץ זיך נישט וויסנדיג געמאכט ווייל איך האב געהאט די אלע חובות ביי מענטשן און איך האב נישט געגלויבט דעם אלטן איד. אבער יענעם טאג בין איך קראנק געווארן האב איך מקבל געווען אז איך וועל פאלגן דעם אלטן איד. און יענער טאג ווען דעם אלטער איד איז געקומען האב איך אים צו געזאגט אז איך פאר שוין. זאגט ער מיר זאלסט זען אז ביז דעם מיטוואך מוזטו זיין ביי דיר אין שטוב. און היינט מיטוואך בין איך געפארן אין די גרויסע רעגנס און מיר זענען אנגעקומען נאנט פון דא האב איך געוואלט נעכטיגן ביז די רעגנס וועלן זיך אויפהערן, און פלוצלונג קומט צו מיר ווייטער דעם אלטער איד אין גאסט הויז און סטראשעט מיר ווייטער אז ביז האלבע נאכט מוז איך זיין ביי מיר אין שטוב!

בין איך געפארן אין שטאט אבער אין אזא פינסטערנישט האב איך געטראכט וואו וועל איך טרעפן מיין שטוב. און אזוי אז מיר זענען געקומען דא אין שטאט און געזען די ליכטיגקייט פון די שטוב האב איך געשיקט מיין בעל עגלה און ב"ה דאס איז געווען די ריכטיגע הויז". די משרתת האט געפרעגט דעם מאן ווי אזוי האט אויסגעזעהן דער אלטער איד און דער מאן האט אים אויס געמשלט. האט די משרתת געזאגט מיט פרייד אז דאס איז דער שפאלער זיידע!! ער האט אויך געהייסן מאכן די שטוב ליכטיג אין אלע זייטן!!

די שמחה פון ביידן איז געווען גרויס און ער האט איר איבערגעבעטן פארן צער. אויפצומארגנ'ס זענען זיי ביידע געפארן צום שפאלער זיידע און האבן אים געגעבן א שיינע מטבע פאר די ישועה און האבן געגעבן א שבח והודאה פאר רבש"ע אויף זיין וואונדערליכע וועגן. דער שפאלע זיידע האט זיך אריינגעלייגט אין דער לענג און דער ברייט צוזאמען שטעלן א שטוב.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליין קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אליעזר הורוביץ 2000$ ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון* הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ם זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת?